אינסטיטוט פֿאַר ווײַסרוסלענדישער קולטור.
יידישער סעקטאָר.
סאָציאַל-עקאָנאָמישע קאָמיסיע — ביוראָ פֿאַר קאָנטקענטעניש.

ה. אַלעקסאַנדראָוו.

# פֿאָרשט אײַער שטעטל!

אויסגאַבע פֿונם אינסטיטוט פֿאַר ווײַסרוסלענדישער קולטור.
מינסק — 1928.

## פֿאָרשט אײַער שטעטל!

### I.

1. יעדע סאָציאַל-עקאָנאָמישע פֿאָרשונג אָפּן געביט פֿון קאַנטקענטעניש דאַרף אין זיך האַלטן צוויי מאָמענטן: ערשטנס — זי דאַרף זײַן אַקטועל, דאָס הייסט פֿאַרבונדן מיט געוויסע פּראָבלעמען פֿון דער אַרומיקערווירקלעכקײַט, אַף וויפֿל זיי ווערן געשטעלט בײַ איצטיקן טאָג. צווייטנס — זי דאַרף אין דערזעלבער צײַט געבן אַ גוט דורכגעאַרבעטן מאַטעריאַל, וואָס זאָל קענען אויסגענוצט ווערן בײַ ווײַטערדיקע וויסנשאַפֿטלעכע פֿאָרשונגען, וועלכע וועלן טראָגן אַ מער אַלגעמיינעם, ניט ספּעציעלן קאַנט-כאַראַקטער. דיביידע מאָמענטן אַנטשפּרעכן דעם צווייענדיקן ציל פֿון איצטיקער קאַנטקענטעניש — פּראָדוציר-ציל פֿון איין זײַט, וויסנשאַפֿטלעך-פֿאָרשערישן — פֿון צווייטן.

דאָס שטעטל שטעלט מיט זיך פֿאָר אין די אָנגעוויזענע פּראָטים זייער אַ דאַנקבאַרן מאַטעריאַל פֿאַר קאַנטפֿאָרשונגען. צווישן די פּראָבלעמען פֿון דער ראַטנאַרבעט אַף דער יידישער גאַס פֿאַרנעמט די שטעטל-פּראָבלעם איינעם פֿון די כאָשעוועסטע ערטער, זײַענדיק ענג פֿאַרבונדן מיט די אויפֿגאַבן צו ענדערן די סאָציאַל-עקאָנאָמישע סטרוקטור פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג אין דער ריכטונג פֿון ערדאַרבעט און אינדוסטריאַליזירונג. זי איז איצט אַוועקגעשטעלט בײַ אונדז אַפּן טאָג-סיידער אַראַנק דעם דעקרעט פֿון ראַטפֿאָלקאָם פֿון וו. ס. ס. ר. וועגן אויפֿשטעלן ווירטשאַפֿטלעך די שטעטלעך. מיר מוזן אָבער קאָנסטאַטירן, אַז די אָנגעוויזענע אַרבעטן שטויסן זיך שטענדיק אָן אַף אַ גרויסער מעניע — עס פֿעלט מאַטעריאַל וועגן שטעטל. אונדזער יידישע עקאָנאָמישע ליטעראַטור איז ביכלאַל זייער אָרעם און אויטער פּובליציסטישע אַרטיקלען, וועלכע ריידן וועגן דער שטעטל ביכלאַל, פֿאַרמאָגן מיר קימאַט ווי גאָרנישט. די אַלגעמיינע פּובליציסטיק און וויסנ-שאַפֿט האָט זיך מיט דעם שטעטל אויך זייער ווייניק אינטערע-

סירט *). פון פאַר דער רעוואָלוציע קענען מיר אָנווייזן נאָר אַף צוויי מאָנאָגראַפישע אָפּשרייבונגען פון שטעטלעך: י. לעשצינסקיס אַרבעט אין „השלח" פאַר 1903-טן יאָר („סטאַטיסטיק פון אַ שטעטל") און ד"ר ל. ראָבלינס אויספאָרשונג — „דאָס שטעטל קראַסנאָפּאָליע" (אַף רוסיש; אַרויסגעגעבן דורך „יעקאָ" אין 1909-טן יאָר); פאַראַן אַ ביסל מאַטעריאַל אין אונדזער אַלטער פּעריאָדישער פּרעסע.

די אויפגאַבע פון מאָנאָגראַפישע אָפּשרייבונגען פון שטעטלעך מוז באַ איצטיקן טאָג פאַרווירקלעכט ווערן, אַף וויפל די אויפגאַבע פון ווירטשאַפטלעכן איבערבוי פון שטעטל קאָן געלייזט ווערן נאָר אַפן סמאַך פון גענויען באַקאַנען זיך מיט יעדן שטעטל. דער מעטאָד פון מאָנאָגראַפישע אויספאָרשונגען, וועלכער האָט שוין פאַרנומען אַ גרויסן אָרט אין דער רוסישער קאַנטפאָרשער ליטעראַטור בנוגע דעם דאָרף, (די באַוווסטע אַרבעטן פון פּראָפ. פענאָמענאָוו — „Современная деревня", א. באָלשאַקאָוו — „Деревня 1917--1927" א. אַ.) מוז אויך אָנגעווענדט ווערן בנוגע דעם שטעטל. דאָס קאָן דורכגעפירט ווערן דורך ספּעציעלע עקספּעדיציעס פון אונדזערע מעלוכישע און וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוציעס. דאָס קאָן דורכגעפירט ווערן דורך די אָרטיקע געזעלשאַפטן פאַר קאַנטקענטעניש און זייערע פאַרשיידענע סעקציעס.

2. דאָס שטעטל מוז קוידעםקאַל אויסגעפאָרשט ווערן דורך אונדז, ווי אַן עקאָנאָמישער איינס, דאָס הייסט ווי אַ באַשטימטער סאָציאַל-עקאָנאָמישער טיפּ פון אַ יישעוו, וועלכער האָט זיך אויסגעבילדעט אין מעשעך פון צענדליקער און הונדערטער יאָרן. מיר דאַרפן פאָרשטעלן זיך דאָס שטעטל ניט נאָר ווי אַ „יידישן יישעוו" **), נאָר ווי אַ יישעוו מיט אַ פאַרשיידנאַרטיקן נאַציאָנאַלן באַשטאַנד, וועלכער איז געוואָרן אַרויסגערופן צום לעבן אַדאַנק די ספּעציפישע באַדינגונגען פון דער עקאָנאָמישער

*) גענוי האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אַף דער פראַגע אין אַרטיקל „Вывучэнне мястэчка" וועלכער איז אָפּגעדרוקט אין „Працы II-га Усе-беларускага Краязнаўчага Зъезду" ז. ז. — 73-90.

**) אַזאַ פאַרשטעלונג איז באַ איצטיקן טאָג איינגאַנצן ניט ריכטיק און אַנטשפּרעכט ניט די אָפיציעלע מאַטעריאַלן וועגן דעם נאַציאָנאַלן באַשטאַנד פון אונדזערע שטעטלעך. וועגן דעם — גענוי אין מיין אַרטיקל — „די יידישע באַפעלקערונג אין די שטעט און שטעטלעך פון ווייסרוסלאַנד" — „ציישריפט" ב. 2-3 ז. ז. 307—378.



אַנטוויקלונג פון אונדזער קאַנט. דאָס שטעטל מוז אויסגעפאָרשט ווערן אין ענגער פאַרבינדונג מיטן גאַנצן טעריטאָריעלן און סאָציאַלן אַרום — קוידעםקאַל מיט דער אַרומיקער פּויערשער סוויווע, מיט וועלכער זי איז ענג פאַרבונדן. אַ געוויסן אויסנאַם קאָנען מיט זיך פאָרשטעלן אין דעם פּראַט די געציילטע אינדוסטריעלע שטעטלעך, וועלכע זיינען מערער פאַרבונדן מיטן שטאָט, איידער מיטן דאָרף. אָט די גרונט-האַנאָכע ליגט אין יעסאָד סאַי פון אונדזער פּראָגראַם אַלס אַ גאַנצע, סאַי פון אירע איינצלנע טיילן. דאָס שטעטל אַפן אַרומיקן סאָציאַלן און עקאָנאָמישן פאָן, סאַי בענוגע צום איצטיקן טאָג, סאַי בענוגע צום אָווער — אַזוי דאַרף עס באַנומען און אויסגעפאָרשט ווערן.

דערזעלבער פּרינציפּ מוז אויך גענומען ווערן אין אַכט באַ די אויספאָרשונגען אַפן געביט פון שפּראַך און קולטור-לעבן. דאָ דאַרף מען האָבן אין אויג דעם פּראָצעס פון קולטורעלער צוזאַמענווירקונג וועלכער האָט זיך אַרויסגעוויזן אין פאַרשיידענע פאָלק-מינהאָגים, שפּראַך א. אַ. וו. פאַר דער לעצטער צייט האָבן זיך, לעמאָשל, באַ אונדז באַוויזן אַרבעטן, וועלכע פאַרנעמען זיך מיט אויספאָרשן די צוזאַמענווירקונג פון דער יידישער און ווייסרוסישער שפּראַך (מ. שולמאַנס אַרטיקל אין זשורנאַל „שטערן" פאַר 1927 יאָר), די איקראַיניזמען אין דער יידישער שפּראַך (ב. ליובאַרסקיס אַרטיקל אין זאַמלבוך פון אָדעסער אינסטיטוט פאַר פאָלקבילדונג). אָט די אַרבעט קאָן און דאַרף פאַרגעזעצט ווערן אַף די ערטער.

3. אונדזער פּראָגראַם הויבט זיך אָן פון אויסלערנען די אָרטלאַגע און אויסזען פון שטעטל, די פאַרבינדונג פונעם שטעטל מיטן ראַיאָן, די סיבעס, וועלכע האָבן מיטגעווירקט דער אויסבילדונג פון געגעבענעם שטעטלדיקן יישעוו און וועלכע ווערן אין אַ גרויסער מאָס אַרויסגערופן דורך געאָגראַפישע מאָמענטן, דאַרפן ווערן גענוי אויסגעפאָרשט. מאַטעריאַל אַף דעם קאָן מען באַקומען דורך עקסקורסיעס אַרום שטעטל, באַקאָנען זיך מיט אַלטע פּלענער פון שטעטל און זיין ראַיאָן, אויב אַזעלכע זיינען פאַרבליבן, אַרומפרעגן עלטערע מענטשן א. אַ. וו. דער ראַיאָן קאָן ווערן דערלערנט אַפן סמאַך פון די מאַטעריאַלן, וועלכע געפינען זיך אין ראַיאָיספּירקאָם. די לעצטע שטעלן צו יעדן יאָר גענויע באַריכטן וועגן דער לאַגע פון ראַיאָן. זיי קאָנען און דאַרפן דינען אַלס ערשטער קוואַל צום דערלערנען דעם ראַיאָן. צו דעם צוועק קאָנען אויסגענוצט ווערן א. ג. „געדענק-ביכער"

(Памятные книжки), מאַטעריאַלן פֿון די פֿאָלקציילונגען פֿאַר די יאָרן 1897 און 1926, מאַטעריאַלן פֿון די געוועזענע וואָלאָסט-אַרכיוון א. ד. ג.

4. אַ גרויסן אָרט אין אונדזער פּראָגראַם פֿאַרנעמט דער היסטאָרישער טייל. דאָס דערקלערט זיך מיט דעם, וואָס אונדזער אָרטיקע געשיכטע איז נאָך קימאַט ווי גאָר ניט דערלערנט געוואָרן; אינדערזעלבער צײַט קאָן די אָרטיקע געשיכטע צושטעלן זייער וויכטיקן מאַטעריאַל פֿאַר דער מאַרקסיסטישער אויפֿפֿאַסונג פֿון דער יידישער געשיכטע *).

אַף דערלערנען די אַלטע געשיכטע פֿון שטעטל קאָן אויסגענוצט ווערן דער היסטאָרישער מאַטעריאַל, וועלכער געפֿינט זיך אין פֿאַרשיידענע ספּעציעלע אויספֿאָרשונגען (פּראָפֿ. סאָסנאָווס — וועגן וויטעבסקער גובערניע, דעמבאָוועצקיס באַשרײַבונג פֿון מאָהילעווער גובערניע — אין 3 טייל, פּוילישער געאָגראַפֿישער ווערטערבוך, סעמיאָנאָווס „רוסלאַנד“ — IX באַנד (געווידמעט ווייסרוסלאַנד). מע דאַרף אויסניצן פֿאַרשיידענע היסטאָרישע לעגענדעס, וועלכע זײַנען פֿאַרבונדן מיט דעם „געבורט“ פֿון שטעטל (איבערהויפּט זײַנען זיי פֿאַרשפּרייט אין די א. ג. פּריצישע שטעטלעך), געשיכטע פֿון גאַסן, אַלטע הײַזער א. א. וו.

אַ היסטאָרישער מאַטעריאַל, וועלכער באַציט זיך צום סאָציאַלן לעבן פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג, געפֿינט זיך אין די „פּינקאָסים“. כאָטש אין די לעצטע שפּיגלט זיך מער פֿון אַלץ אָפּ דער רעליגיעזער לעבנשטייגער, דאָך קאָן מען גאַנץ אָפּט אין די רעליגיעזע פֿאָרמען געפֿינען אַן אָפּקלאַנג פֿון סאָציאַלע סטירעס (זייער באַלערנדיק זײַנען אין דעם פּראַט די אַרבעטן פֿון פּ. מאַרעק, וועלכער האָט ברייט אויסגעניצט דעם סאָציאַל-עקאָנאָמישן מאַטעריאַל פֿון אונדזערע שטעטלדיקע און שטאָטישע פּינקאָסים — אין „וואָסכאָד“, „יעווריייסקאַיאַ סטאַרינאַ“ א. א. אויסגאַבן). איבערהויפּט איז וויכטיק דערלערנען די מאָמענטן פֿון דער יידישער געשיכטע פֿון נײַנצנטן יאָרהונדערט, ווען די סאָציאַלע סטירעס האָבן געטראָגן אַ כאַראַקטער פֿון אַ געזעלשאַפֿטלעכן קאַמף (כסידעס און מיסנאַגדעס, האַסקאָלע באַוועגונג). עס דאַרף צונויפֿגעקליבן ווערן דער מאַטעריאַל

*) מיר רעקאָמענדירן דעם אינטערעסאַנטן אַרטיקל פֿון ס. אַרכאַנגעלסקי — „Локальный метод в исторической науке“ — אין זשורנאַל „Краеведение“ — ניר. 2 פֿון 1927-טן יאָר.



איבער דער געשיכטע פֿון רעוובאַוועגונג, ווו דאָס שטעטל האָט געשפּילט אַ באַדײַטנדיקע ראָל. עס דאַרפֿן צונויפֿגעקליבן ווערן די זכרוינעס פֿון די אָנטיילנעמער, פּראָקלאַמאַציעס-געדרוקטע און געשריבענע א. ד. ג.

פֿאַר דער אָרטיקער געשיכטע זײַנען נאָך ביז איצט דורך אונדז קימאַט ווי ניט אויסגענוצט געוואָרן די אָרטיקע אַרכיוון — פֿון די קרייז שטעט, וואָלאָסטן. דאָרטן געפֿינט זיך זייער אַ רײַכער מאַטעריאַל, וועלכער האָט אַ שײַכעס צו דער געשיכטע פֿון שטעטל בכלל — סײַ פֿון דער יידישער, סײַ פֿון דער ניט-יידישער באַפֿעלקערונג. צוליב דעם קאָן אויך אויסגענוצט ווערן דער מאַטעריאַל פֿון די געוועזענע „גובערנסקיע וועדאָמאָסטי“, פֿון דער יידישער, רוסיש-יידישער, העברעישער פּרעסע.

דער פּעריאָד פֿון נאָך דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע קאָן פֿאַרפֿיקסירט ווערן אַפֿן סמך פֿון מאַטעריאַלן, וועלכע זײַנען פֿאַרבליבן אין פֿאַרשיידענע פֿאָרמען — אָרטיקע דעקרעטן, זכרוינעס פֿון אָרטיקע מאַכט-פֿאָרשטייער, פֿאַרשיידענע אָפֿיציעלע דאָקומענטן א. א. וו. אָט די אַרבעט קאָן טראָגן אַ שטענדיקן כאַראַקטער — דורך קלײַבן סיסטעמאַטיש דעם לויפֿנדיקן מאַטעריאַל פֿון אָרטיקן געזעלשאַפֿטלעכן לעבן, וועלכער האָט אַ היסטאָרישע באַדײַטונג (באַריכטן פֿון ריק, פֿאַרשיידענע מעלוכישע און געזעלשאַפֿטלעכע אינסטיטוציעס, פּראָטאָקאָלן פֿון אָרטיקע צוזאַמענפֿאָרן א. א. וו.).

5. באַם דערלערנען די באַפֿעלקערונג און איר עקאָנאָמישע טעטיקייטן דאַרף קוירעמקאָל אויסגעניצט ווערן דער לויפֿנדיקער סטאַטיסטישער מאַטעריאַל, וועלכער געפֿינט זיך אין די אָרטיקע מעלוכישע און געזעלשאַפֿטלעכע אינסטיטוציעס — ריק, קאָאָפּעראַטיווע אַנשטאַלטן, פּראָפֿפֿאַראיינען, אָרטיקע געזעלשאַפֿטן. דאָ דאַרף איבערהויפּט גענומען ווערן אין אַכט דער מאָמענט פֿון דינאַמישקייט, אַדאַנק וועלכן מיר באַקומען אַ פֿאָרשטעלונג ניט נאָר וועגן דעם צושטאַנד פֿון שטעטל באַ איצטיקן טאָג, נאָר אויך וועגן דעם, „וווהין זי וואַקסט“.

באַם באַקאָנען זיך מיט דער באַוועגונג פֿון דער באַפֿעלקערונג דאַרף מען האָבן אין זינען ניט נאָר די נאַטירלעכע פֿאַקטאָרן (געבורטן, שטערבלעכקײַטן), נאָר אויך די מעכאַנישע (אינערע און אויסערע עמיגראַציע), וועלכע שפּילן אַן אויסערסט וויכטיקע ראָל אין אונדזערע שטעטלעך.

דיִ עקאָנאָמיִק פֿון שטעטל שטעלט מיִט זיִך פֿאָר איִצט אַ ביִלד פֿון פֿאַרשיידנאַרטיִקע דערשייַנונגען, איִן וועלכע עס מיִשן זיִך צונויף דיִ עלעמענטן פֿון אַלטע און נייע לעבנפֿאָרמען. פֿון איין זייַט האָבן מיִר אַ היִפּשע צאָל פּראָדוקטיִווע עלעמענטן — פּויערים איִן קוסטאַרן, פֿון דער אַנדער זייַט — רעשטן פֿון פֿאָר-מיִטלעריִשע פּאַרנאָסעס (קרעמערייַ, האַנדל אַפֿן דאָרף, אַף יעריִדן און א. ג. „אומבאַשטיִמטע" פּראָפֿעסיעס. באַם אויספֿאָרשן דיִ אָרטיִקע עקאָנאָמיִק איִז וויִכטיִק אויסניִצן דעם אַנקעטן-מעטאָד דורך אויספֿאָרשן אַפֿן אָרט גופֿע דיִ לאַגע פֿון פֿאַרשיידענע שיִכטן פֿון דער באַפֿעלקערונג, פֿאַרשיידענע עקאָנאָמיִשע איִנסטיִטוציִעס. אַזעלכע אַנקעטעס זייַנען איִצט פּובליִקיִרט איִן אַ גרויסער צאָל איִן פֿאַרשיידענע קאַנטפֿאָרשעריִשע אויסגאַבן, זיי ווערן אויך דורכגעפֿיִרט דורך פֿאַרשיידענע אַנשטאַלטן. איִן דיִ דאָזיִקע אויספֿאָרשונגען דאַרף איִבערהויפּט באַטאָנט ווערן דער מאָמענט פֿון קאַמף צוויִשן פּריִוואַט-קאַפּיִטאַליִסטיִשן און סאָציִאַליִסטיִשן סעקטאָר איִן אונדזער וויִרטשאַפֿט, וועלכער שפּיִגלט זיִך שטאַרק אָפּ איִן דער שטעטלדיִקער עקאָנאָמיִק *).

בענוגייע דיִ אַנשטאַלטן, וועלכע באַדיִנען דיִ באַפֿעלקערונג אַף פֿאַרשיידענע געביִטן, קאָן מען באַקומען דיִ געהעריִקע ידיִעות איִן דיִ אַנשטאַלטן גופֿע (שולן, ביִבליִאָטעקן, לייענשטיִבלעך, אַמבולאַטאָריעס, אַפּטייקן א. ד. ג.).

6. וייער וויִכטיִק איִז צו דערלערנען דעם קולטור-שטייגער פֿון שטעטל. דאָ האָבן מיִר פֿאַר זיִך פֿון איין זייַט גאַנץ באַדייַטנדיִקע רעשטן פֿון פֿאַרשימלטן אַלטן (כאַדאָריִם, מאַגידים א. א. וו.), פֿון דער אַנדער זייַט — מאָמענטן פֿון נייעם לעבנס-שטייגער (קאָמסאָמאָל, פּיאָנערן א. א. וו.). דיִ מאָמענטן שפּיִגלען זיִך אָפּ גאַנץ אָפֿט איִן אונדזער פּרעסע; דער געהעריִקער מאַטעריִאַל דאַרף ווערן פֿאַרפֿיִקסיִרט, צונויפֿגעקליִבן און סיִסטעמאַטיִזיִרט. אַזאַ מאַטעריִאַל איִז שוין באַאַרבעט געוואָרן איִן זאַמל-בוך „Еврейское местечко и революция" (אונטער רעד. פֿון פּראָף. טאַן-באָגאָראַז — 1926) און קאָן גריִנג פֿאָרגעזעצט ווערן אַף דיִ ערטער.

וועגן קלייַבן עטנאָגראַפֿיִשן מאַטעריִאַל רעכענען מיִר אַרויסגעבן אַ ספּעציִעלע איִנסטרוקציע — דעריִבער וועלן מיִר זיִך דאָ

*) בענוגע וועגן דעם — איִן איִנסטרוקטיִוו-מעטאָדיִשן בוך פֿון רוענס-ליִשאָווסקי און אַבראַמאָוו — „Познание местного края".



אַף דעם גענוי ניִט אָפּשטעלן; מיִר האָבן נאָר אָנגעמערקט איִן אונדזער פּראָגראַם דיִ וויִכטיִקסטע מאַטעריִאַלן פֿון פֿאָלקשאַפֿונג, וועלכע דאַרפֿן געקליִבן ווערן אַף דיִ ערטער.

דאָס וויִכטיִקסטע, וואָס דיִ אָרטיִקע פֿאָרשער דאַרפֿן שטענדיִק האָבן איִן אויג, איִז — דער מאַטעריִאַל, וועלכן זיי באַקומען און איִבער וועלכן זיי אַרבעטן, דאַרף זייַן גוט דורכגעקאָנטראָליִרט.

נעמענדיִק איִן אַכט דעם גרויסן איִנטערעס, וועלכער ווערט אַרויסגעוויִזן באַ איִצטיִקן טאָג צו דיִ פּראָבלעמען פֿון שטעטל *), האָפֿן מיִר, אַז אונדזערע טוער אַף דיִ ערטער (לערער, אַגראָנאָמען, מיִטאַרבעטער פֿון געזעלשאַפֿטלעכע אַנשטאַלטן, סטודענטן א. אַ. וו.) וועלן צוטרעטן צו דער אַרבעט פֿון אויספֿאָרשן דיִ שטעטלעך, מיִטהעלפֿנדיִק איינצייַטיִק דיִ מעלוכיִשע, געזעלשאַפֿטלעכע און וויִסנשאַפֿטלעכע איִנסטיִטוציִעס **).

*) מיִר ניִצן אויס דיִ געלעגנהייט אָנצוווייַזן אַף דער איִניִציִאַטיִוו איִן דעם פּראָט פֿון דער יידיִשער סעקציע באַ דער מאָזירער געזעלשאַפֿט פֿאַר קאָנטקענטעניִש.

**) דיִ זעלביִקע פּראָגראַם איִז אָפּגעדרוקט אַף וויַסרוסיִש איִן זשורנאַל „Наш Край" נום. 2 פֿאַר 1928-טן יאָר. דאָרט איִז אויך פֿאַראַן אַן אויספֿיִרליִכע ביִבליִאָגראַפֿיע, צונויפֿגעשטעלט דורך כ׳ א. פּאַלייעס.

## II.

# פראָגראַם

## אַף אויספֿאָרשן דאָס שטעטל.

1. אָרט-לאַגע און אויסזען פֿון שטעטל. געאָגראַפֿישע לאַגע, אַלגעמיינע כאַראַקטעריסטיק פֿון אָרט; ווי ווייַס איז דאָס שטעטל פֿון ראַיאָן-צענטר, קרייַז-שטאָט, הויפּטשטאָט. צאָל הייַזער—הילצערנע, געמויערטע; צאָל קראָמען; אַנדערע געבייַדעס. דער מאַרק. צאָל גאַסן, זייערע נעמען, אַלגעמיינער אויסזען. פלאַן פֿון שטעטל.

דאָס שטעטל, ווי אַ ראַיאָן-צענטר. אַלגעמיינע ידיִעס וועגן ראַיאָן-גרעניצן, שטעטך פֿון טעריטאָריע, צאָל דאָרפֿסראַטן און זייער באַפֿעלקערונג; די באָדנס אין ראַיאָן; נאַטור-רייַכטימער; דער עקאָנאָמישער צושטאַנד פֿון ראַיאָן — פֿאַנאַנדערטיילונג פֿון ערד און פֿי. אַנטוויקלונג פֿון קלענערער און גרעסערער אינדוסטריע. פלאַן פֿון ראַיאָן. די אייַזנבאַן-סטאַנציע באַם שטעטל און איר עקאָנאָמישע באַדייטונג; פּאָסט, טעלעגראַף, טעלעפֿאָן. פֿאַרבינדונג מיט נאָענטסטע שטעט און שטעטלעך.

2. געשיכטע פֿון שטעטל. ווו און ווען איז דאָס שטעטל געגרינדעט געוואָרן — היסטאָרישע פֿאַקטן און לעגענדעס, וועלכע זייַנען מיט דעם פֿאַרבונדן; פֿון וואַנען שטאַמט דער נאָמען פֿון שטעטל. אַלטע און נייַע גאַסן אין שטעטל; פֿון וואַנען קומען אַרויס זייערע נעמען. פֿאַמיליען-נעמען אין שטעטל, אַלס מאַטעריאַל פֿאַר געשיכטע. דער פּאָרעץ—באַלעבאָס פֿון שטעטל, זייַנע באַציִונגען מיט דער באַפֿעלקערונג (סטינס, אַנדערע נאַלאָגן; מאַיסעס וועגן פּאָרעץ).

ווען האָבן זיך באַוויזן די ייִדן אין שטעטל, די יורידישע יעסוידעס פֿון זייער באַזעצן זיך; די ייִדישע באַפֿעלקערונג אין די דערפֿער פֿון שטעטלדיקן ייִשעוו, פֿאַרבינדונג מיטן שטעטל.



ווּקס פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג אין שטעטל, פּאַרנאָסעס, סאָציאַלע גרופּירונג. באַציִונגען מיט דער ניט-ייִדישער באַפֿעלקערונג (פֿאַקטן פֿון קאָנקורענץ, הישטאַדלעס וועגן אַרויסשטויסן די ייִדן א. אַ. וו.) דער קאָהאָל און זייַן אַרבעט. דער קאָהאָל און די אַלגעמיינע זעלבסטפֿאַרוואַלטונג-אָרגאַנען, דער קאָהאָל און די אַרומיקע פּריצים, קאַמף פֿאַר אַרענדעס, כאַזאָקעס; דער קאָהאָל און פֿאַרשיידענע שיכטן פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג (ווירקונג פֿון אָטקופּשטשיקעס, סאָכרים, ראַבאָנים; קאַמף פֿון באַלמעלאָכעס מיטן קאָהאָל). אינעווייניקסטער סאָציאַל-רעליגיִעזער קאַמף (מאַכלויקעס איבער ראַבאָנים, שאָכטים א. ד. ג., באַזונדערע באָטע-מעדראָשים און מיניאָנים פֿון באַלמעלאָכעס, כעווריעס); פֿאַרפֿאָלגונג פֿון אַפּיקאָרסים. רעליגיִעזע לעראַנשטאַלטן — כאַדאָרים, יעשיִוועס.

די ניט-ייִדישע באַפֿעלקערונג אין שטעטל (די דערפֿער, וועלכע זייַנען דירעקט פֿאַרבונדן מיטן שטעטל; „גאָיִשע“ גאַסן), איר עקאָנאָמישע סטרוקטור, באַציִונג מיט דער ייִדישער באַפֿעלקערונג. דאָס שטעטל אין דער ערשטער העלפֿט פֿון XIX יאָרהונדערט. דער גיירעש פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג פֿון די דערפֿער, ווי האָט דאָס געווירקט אַפֿן שטעטל; קאַמף מיט אָנגעפֿאָרענע. די לאַגע פֿון קאָהאָל; פֿאַרשטאַרקונג פֿון סאָציאַלן און קולטור - רעליגיִעזן קאַמף (כסידים און מיסנאַגדים, ערשטע מאַסקילים). די מילכאָמע פֿון 1812 יאָר אין שטעטל. ניקאָלאַיִעם ערשטנס „רעפֿאָרמעס“ און זייער אָפּשפּיגלונג אין שטעטל—רעקרוטשינע „דייַטשישע“ קליידער, „קאַזיאָנע“ שולן. עמיגראַציע אין אוקראַינע (וואָלין, לאַנדווירטשאַפֿטלעכע קאָלאָניעס). קאָראָבקע און ליכט-אָפּצאָל.

דאָס שטעטל אין דער צווייטער העלפֿט פֿון XIX יאָרהונדערט (נאָכן פּויערים-באַפֿרייַונג). די ענדערונג פֿון דער עקאָנאָמישער סטרוקטור פֿון שטעטל-אַנטוויקלונג פֿון גרויסהאַנדל, פֿאַבריקן און זאַוואָדן, ווירקונג פֿון אייַזנבאַן; עמיגראַציע אין גרעסערע צענטרן. עמיגראַציע אין אַמעריקע אין די לעצטע צענדליקער יאָרן פֿון XIX יאָרהונדערט און אָנהויב XX.

געזעלשאַפֿטלעך-פּאָליטישע שטרעמונגען -האַסקאָלע, כיבאַסציִען, ערשטע סאָציאַליסטן; פּאָלקיסטישע קרייַזן און די ייִדישע יוגנט; אָנהויב פֿון אַרבעטער-באַוועגונג—סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס („איסקראַ“), אַנטייל פֿון ייִדישע אַרבעטער; אַנטייל





אין באַלשעוויסטישער אָרגאַניזאַציע. בונד, ציאָניסטן-סאָציאַליסטן (ס.-ס.), פּועלי-ציון. ציאָניסטן, רעליגיעז-פּאָליטישע פּאַרטייען („אַגודאַס יִסראָעל" א. א.). 1905 יאָר אין שטעטל — פֿאַרשטאַרקונג פֿון עקאָנאָמישן קאַמף, שטרייקן, אָנטייל פֿון באַזונדערע פּאַרטייען און פּערזאָנען. די פֿאַרבינדונג פֿון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין שטעטל מיטן דאָרף—אָנטייל פֿון שטעטלדיקע אָרגאַניזאַציעס אין דער אַגראַרער באַוועגונג. רעאַקציע אין שטעטל—פּאָגראָמען, פֿאַרפֿאָלגונגען פֿון אַרבעטער און פּועלים.

דאָס שטעטל אין מילכאָמע-צייט. די עקאָנאָמישע פֿאָלגן פֿון דער מילכאָמע אין שטעטל (הײמלאָזיקייט, פֿאַראָרימונג פֿון די אַרבעטנדיקע שיכטן, ספּעקולאַציע). פֿעברואַל-רעוואָלוציע אין שטעטל. באַציִונג פֿון פֿאַרשיידענע שיכטן באַפֿעלקערונג און פּאַרטייען צו דער פֿעברואַל-רעוואָלוציע. די ראַטן אין שטעטל; קאַמף פֿאַר אָקטיאַבער. די שטעטלדיקע קעהילע. אָקטיאַבער אין שטעטל. ערשטע טריט פֿון דער ראַטנמאַכט. דער בירגערקריג און זײַן ווירקונג אין שטעטל (פֿאַרשיידענע מאַכטן, פּאָגראָמען, פּאַרטיזאַנשטשינע). **דער** מיליטערישער קאָמוניזם און זײַן ווירקונג אַף דער שטעטלדיקער עקאָנאָמיק (דאָס אַרויסשטויסן **דעם** קרעמער און פֿאַרמיטלער, עמיגראַציע אין די גרעסערע צענטרן פֿון ווײַסרוסלאַנד, ר.ס.פֿ.ס.ר., אוקראַיִנע). נעפּ און שטעטל. פֿאַקטן פֿון די לעצטע יאָרן.

פֿאַרשיידענע אָרטיקע פֿאַקטן, וועלכע האָבן געווירקט אַפֿן לעבן פֿון שטעטל (סרייפֿעס, ספּעציעלע גזיירעס א. א. וו.).

3. באַפֿעלקערונג. פֿאַנאַנדערטיילונג פֿון **דער** באַפֿעלקערונג לויטן געשלעכט, עלטער, נאַציאָנאַליטעט, פּראָפֿעסיע, צאָל פֿאַמיליעס. נאַטירלעכער וווּקס פֿון דער באַפֿעלקערונג באַ פֿאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן (געבורטן, שטאַרבן, כאַסענעס). מעכאַנישער וווּקס פֿון דער באַפֿעלקערונג (עמיגראַציע אין גרעסערע שטעט פֿון ווײַסרוסלאַנד, אוקראַיִנע, ר. ס. פֿ. ס. ר., אויסערן פֿאַרבאַנד). סאָציאַלער באַשטאַנד פֿון דער באַפֿעלקערונג לויט נאַציאָנאַליטעטן פֿאַר און נאָך דער רעוואָלוציע.

4. עקאָנאָמיק פֿון שטעטל. א) לאַנדווירטשאַפֿט. צאָל פֿון דער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער באַפֿעלקערונג אין שטעטל לויט די נאַציאָנאַליטעטן, סכום ערד, פֿאַנאַנדערטיילונג פֿון דער ערד לויט נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע גרופּירונגען. כאַראַקטער פֿון שטעטלדיקער לאַנדווירטשאַפֿט, אַלס אַ נאָענטער צום בײַ-שטאָ-



טישן טיפּ. פֿאַרשיידענע פֿאָרמען פֿון לאַנדווירטשאַפֿט—פֿעלדצוכט, פֿיצוכט, גערטנערײַ, סעדערײַ, ווי זײַנען זיי פֿאַרשפּרייט. אַנדערע פֿאָרמען פֿון לאַנדווירטשאַפֿטלעכע פּאַרנאָסעס. סכוירעשאַפֿט. ביודזשעט פֿון שטעטלדיקן פּויער; אָרט פֿון ניט-לאַנדווירטשאַפֿטלעכע האַכנאָסעס אין ביודזשעט פֿון שטעטלדיקן פּויער. ראַטנווירטשאַפֿטן און קאָלעקטיוון באַם שטעטל.

ייִדן אַף ערד—פֿאַר און נאָך דער רעוואָלוציע. ייִדישע קאָלאָניעס און קאָלעקטיוון באַם שטעטל — זייער געשיכטע, אַנטוויקלונג, צושטאַנד באַ איצטיקן טאָג. מעגלעכקייטן פֿון ווײַטערדיקער ערדאײַנאָרדנונג פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג.

ב) האַנטווערקערײַ. פֿאַנאַנדערטיילונג פֿון די האַנטווערקער לויט נאַציאָנאַליטעטן און פֿאַכן; סאָציאַלע דיפֿערענצירונג. פֿאַרשפּרייטונג פֿון באַשטימטע פֿאַכן, סיבעס פֿון דעם. עקאָנאָמישע לאַגע פֿון די האַנטווערקער פֿאַר און נאָך דער רעוואָלוציע. ווי באַקומט מען רויוואַרג, ווי ברענגט מען אויס די סכוירע. פֿאַרבינדונג מיטן דאָרף. אַלגעמיינער סכום פֿון אויסאַרבעטונג. אַנטייל פֿון דער יוגנט אין האַנדווערקערײַ (מיטגלידער פֿון פֿאַמיליע, לערנייִנגלעך). פּערספּעקטיוון פֿון אַנטוויקלונג פֿון האַנדווערקערײַ.

ג) האַנדל. אַלגעמיינער כאַראַקטער פֿון אָרטיקן האַנדל פֿאַר און נאָך דער רעוואָלוציע (אָנווײַזן אַף ספּעציעלע פֿאָרמען פֿון האַנדל, אויב אַזעלכע זײַנען געווען). פֿאַנאַנדערטיילונג פֿון קרעמער לויט נאַציאָנאַליטעטן און קאַטעגאָריעס. סכום פֿון אומזאַץ באַ די פּריוואַטע קרעמער. גרויסע און קליינע קרעמער; הענדלער אַפֿן דאָרף. יערידן, זייער פֿאַרשפּרייטונג, אומזאַץ. מעלוכע-האַנדל אין שטעטל.

ד) קליינע און גרויסע אינדוסטריע. צאָל אונטערנעמונגען פֿון פֿאַרשיידענע טיפּן, זייער כאַראַקטער, פּראָצעס פֿון אויסאַרבעטן, טעכנישע אויסשטאַטונג, צאָל אַרבעטער, סכום פֿון אויסאַרבעטונג. געשיכטע פֿון פֿאַבריק, איר אַנטוויקלונג, באַציִונג צווישן באַלעבאַטים און אַרבעטער.

ה) אַרבעטער און אָנגעשטעלטע. נאַציאָנאַלער באַשטאַנד, פֿאַנאַנדערטיילונג לויט קאַטעגאָריעס און אַנשטאַלטן. מינימאַלער, מיטעלער און מאַקסימאַלער אַרבעט-לוין, וווּקס פֿאַר פֿאַרשיידענע פּעריאָדן. אַרבעטלאָזע לויט געשלעכט, נאַציאָנאַליטעט, עלטער, פּראָפֿעסיע.

ו) אומבאַשטימטע פּראָפֿעסיעס. אָרט פֿון דער גרופּע אין שטעטל פֿאַר און נאָך דער רעוואָלוציע, פֿון וואָס לעבן זיי.

אִיזשדיִווענצעס, אַף וועמעס געהאַלט לעבן זיי, כאַראַקטער פֿון שטיִצע.

ז) קאָאָפּעראַציע און אירע פֿאָרמען. 1) געברויך-קאָאָפּעראַציע, איר געשיִכטע און אַנטוויִקלונג, איר לאַגע באַם איצטיִקן טאָג. קאַמף מיִטן פּריִוואַטן האַנדל. 2) קרעדיִט-קאָאָפּעראַציע—ליַי און שפּאָר קאַסעס; זייער לאַגע פֿאַר און נאָך דער רעוואָלוציע. צאָל מיִטגליִדער, האַלוואָעס, זייער גרויס, אַנדערע אָפּעראַציעס (פֿאַר פֿאַרשיידענע פּעריִאָדן). וואָס טוען זיי אַף צו באַקומען רוישטאָף און פֿאַרקויפֿן די אויסגעאַרבעטע פּראָדוקטן. פֿאַרביִנדונג מיִט די צענטראַלע קאָאָפּעראַטיִווע פֿאַראייניקונגען. לאַנדוויִרטשאַפֿטלעכער קרעדיִט און זיַין אָרט איִן דער שטעטלדיִקער עקאָנאָמיִק. 3) געווערב-קאָאָפּעראַציע. אַרטעלן און אַרבעטסקאָלעקטיִוון, זייער געשיִכטע און אַנטוויִקלונג, צושטאַנד באַם איצטיִקן טאָג (פֿאַרגליַיכן פֿאַר פֿאַרשיידענע פּעריִאָדן). פֿאַרביִנדונג מיִט די קאָאָפּעראַטיִווע פֿאַראייניקונגען.

ט) שטיִצע פֿון אַנדערע לענדער (אַמעריִקע א. אַ.) צאָל פֿאַמיִליעס, וועלכע באַקומען שטיִצע, כאַראַקטער פֿון שטיִצע, סומע.

5. דאָס שטעטל אַלס אַדמיִניִסטראַטיִווער צענטער. די אַדמיִניִסטראַטיִווע לאַגע פֿון שטעטל פֿאַר דער רעוואָלוציע. אָרטיִקע אַדמיִניִסטראַציע—סטאַנאָוואָי, אוראַדניִק, זייער באַציִונג צו דער באַפֿעלקערונג. וואָלאָסט-פֿאַרוואַלטונג, איר פֿאַרביִנדונג מיִטן שטעטל. מעטשטשאַנסקע אופּראַווע, מעשטשאַנסקע סטאַראָסטע, קאַזיאָנער ראָח.

ראַטנאָרדענונג איִן שטעטל. שטעטלדיִקע ראַטן און נאַציאָנאַלראַטן, זייער באַשטאַנד, אַרבעט פֿון די אָפּטיילן. פּאָליִטיִשע אַקטיִוויִקיַיט פֿון דער באַפֿעלקערונג—צאָל אַנטיילנעמער איִן די וואַלן פֿאַר פֿאַרשיידענע יאָרן, צאָל מענטשן, וועלכע האָבן ניִט קיין וואַלרעכט. ביוּדושעט פֿון ראַט פֿאַר פֿאַרשיידענע יאָרן. רעזולטאַטן פֿון אַרבעט פֿון ראַט איִן שטעטל (איִן זיִן פֿון פֿאַרבעסערן די עקאָנאָמיִשע לאַגע, נאַלאָגן, ערדאיַינאָרדענונג, וואָלאיַינאָרדנונג א. ד. ג.).

6. ביִלדונג איִן שטעטל. כאַראַקטער פֿון ביִלדונג פֿאַר דער רעוואָלוציע. כאַדאָריִם (זייער צאָל), טאַלמעטוירע, יעשיִוועס; צאָל טאַלמיִדיִם און מעלאַמדיִם. מעלוכע שולן—אָנפֿאַנגשולן, מיִטעלע, צאָל קיִנדער לויִט נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן



באַשטאַנד. קיִנדער פֿון שטעטל, וועלכע האָבן זיִך געלערנט איִן אַנדערע שטעט. אַנדערע קולטור-אַנשטאַלטן.

אָקטאָבער-רעוואָלוציע און די ביִלדונג איִן שטעטל. איִוורעדיִקיַיט פֿון דער באַפֿעלקערונג לויִט געשלעכט, נאַציאָנאַליִטעט, עלטער. אַלגעמיינע און נאַציאָנאַלע שולן, צאָל קיִנדער לויִטן נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן באַשטאַנד, לערער-באַשטאַנד. אַלגעמיינע ידיִעס וועגן צושטאַנד פֿון די שולן—דיִרע, איִנווענטאַר, מאַכשיִריִם א. ד. ג. פֿאַרביִנדונג פֿון שול מיִט דער באַפֿעלקערונג. געשיִכטע פֿון שול. אויסער-שול אַנשטאַלטן—ביִבליִאָטעק, לייענשטיִבל, פֿאָלקהויז, קלוב—זייער אַרבעט. שטעטלדיִקע יוגנט, וועלכע לערנט זיִך איִן אַנדערע שטעט—הויִכשולן, טעכניִקומען א. אַ. וו.

7. איַינאָרדענונג און סאַניִטאַרער צושטאַנד. אַלגעמיינער אויסזען פֿון די גאַסן, היַיזער. ווי זיַינען געבויט די היַיזער. וואַסערבאַזאָרגונג. באַליַיכטונג. באָד. מעדיִציִניִשע היִלף—דאָקטוירים, פֿעלדשערס, אַמבולאַטאָריעס, אַפּטייקן, שפּיִטאָלן—פֿאַר און נאָך דער רעוואָלוציע. אַלגעמיינע ידיִעס וועגן צושטאַנד פֿון די אַנשטאַלטן.

8. פּאָליִטיִשע און געזעלשאַפֿטלעכע אָרגאַניִזאַציעס איִן שטעטל. פּראָפֿפֿאַריינען—צאָל מיִטגליִדער איִן באַזונדערע פֿאַריינען, זייער אַרבעט. אַרבעט פֿון סטראַכירקאַסע. קוסטאַרגעזעלשאַפֿטן און זייער אַרבעט. קאָמיִטעטן פֿאַר קעגנזיַיטיִקער היִלף און זייער אַרבעט. די שטעטלדיִקע פֿיִלאַנטראָפּיע פֿאַר דער רעוואָלוציע, ידיִעס וועגן די צדאָקע אַנשטאַלטן; די שטעטלדיִקע פֿיִלאַנטראָפּיע באַ איצטיִקן טאָג.

געזערד און זיַין אַרבעט. מאָפּר. אָסאָוויאַכיִם. קאָנטקעגנטעניש-געזעלשאַפֿט. אַנדערע געזעלשאַפֿטן. דער קלעריקאַליזם איִן שטעטל און זיַין ווירקונג.

9. שטייגער און קולטור. אַלגעמיינער קולטור צושטאַנד פֿון דער באַפֿעלקערונג. פֿרומקיַיט; ווי ווערן באַזוכט די באָטעמעדראָשיִם, קלויסטערס. וויִרקונג פֿון רעליִגיִעזע פֿאָרשטייער. דער נייַער שטייגער און פֿאַמיִליענלעבן (געמיִשטע כאַסענעס, ניִט-געמאַלטע קיִנדער א. א. וו.).

פֿאָלקמעדיִציִן באַ פֿאַרשיידענע נאַציאָנאַליִטעטן (זנאַכאַרעס, זאַבאַבאָנעס). מאַטעריאַלן פֿון אָרטיִקער שפּראַך (אָרטיִקע צונע-

לאַנדקענטעניש (ווילנע) 2 (1934): 5-17.

נ. וויינינג

# אָרגאַניזאַציע און אַרבעט פון אַ עטנאָגראַפישן קרייז.

## מהות און באַגריף פון עטנאָגראַפיע.

עטנאָגראַפיע ווערט אָנגערופן די דאָזיקע וויסנשאַפט, וועלכע פאַרנעמט זיך מיט סיסטעמאַטיזירן און באַשרייבן דעם אַרט לעבן פונ'ם פאָלק, ווי אויך זיין מאַטעריעלע און גייסטיקע פּראָדוקציע.

אַזוי אָבער ווי דער דאָזיקער געביט איז ברייט און פאַרצווייגט, קומט אויס, אַז אַסך פון עטנאָגראַפישע דערשיינונגען גרענעצן זיך מיט אַנדערע וויסנשאַפטן, ווי קולטור-געשיכטע, ליטעראַטור, געשיכטע פון וויסנשאַפטן, שפּראַך-וויסנשאַפט, אַרכעאָלאָגיע וכד., זייער אָפט אויך מיט אַנטראָפּאָלאָגיע. דעריבער פאַרווישן זיך ניט זעלטן יענע גרענעצן, און איינצלנע גרופּן פון וויסנשאַפטן אָקופּירן פאַר זיך טייל געביטן פון עטנאָגראַפיע. אַזאַ ניט קלאָרער צושטאַנד האָט אַ גאַנץ היפּשע צייט אָנגעהאַלטן, ביז סוף-כל-סוף האָט זיך עטנאָגראַפיע עמאַנציפּירט אַלס זעלבסטשטענדיקע וויסנשאַפטלעכע דיסציפּלין מיט איר אייגענעם אַרבעט-שטח און באַזונדערע אַרבעט-און פאָרשונג-מעטאָדן.

אויסקריסטאַליזירט האָט זיך די לאַגע, בשעת מען האָט זיך קלאָר פונאַנדערגעקליבן אינעם באַגריף „פאָלק" און „פאָלקסטימלעכקייט". ביז דאַן האָט געגאָלטן, אַז פאָלק זענען די אַזוי גערופענע נידריקע שיכטן פון דער געזעלשאַפט, קולטורעל אָפּגעשטאַנענע, פּרימיטיווע אין זייער אַרט דענקן און לעבן. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז אויך צווישן די העכערע שיכטן קאָן מען גרינגלעך געפינען גענוג מאַטעריאַל פאַר עטנאָגראַפישער אויספאָרשונג, ווי למשל: זאַבאָבאָנעס, שפּראַך-פאָלקלאָר, מנהגים, באַגריסונגען וכד.



מענישן, ווערטלעך, פון וואַנען האָבן זיי זיך גענומען; נייסרנ-סישע ווערטער אין דער יידישער שפּראַך און פאַרקערט א. א. וו.).

רעשטן פון מאַטעריעלער קולטור אין שטעטל (אַלטע באָטע-מעדראָשים, קלויסטערס, אינטערעסאַנטע געביידעס — זייער סטיל און אַרכיטעקטור, אַלטע כפּייצים; פאָטאָגראַפיעס).

10. ביאָגראַפיעס פון אָרטיקע טוער — געזעל-שאַפטלעכע און פּאָליטישע טוער, שרייבער, קינסטלער א. א. וו.



דעריבער איז מען געקומען צו דעם אויספיר, אז עטנאגראפיע אלס וויסנשאפט פארנעמט זיך ניט מיט געוויסע ספעציעלע גרופן אלס אזעלכע (דאס געהערט צו סאציאלאגיע), נייערט מיט געוויסע קולטור-אינהאלטן. דערביי גילטן געוויסע סמנים, וועלכע כאראקטעריזירן די ספעציפישקייט פון אזעלכע קולטור-אינהאלטן. מען דערקענט זיי דורכדעם, וואס זייער פארשפרייטונגס-וועג איז א טראדיציאנעלער, פון דור צו דור, אין א כמעט ניט געענדערטער פארם. דערביי איז עס ניט קיין חילוק צי געשעט עס דורכן לעבעדיקן ווארט אדער געדרוקטן אפילו (ווי מאגישע פארמולען, טראם-ביכלעך, ספרי-גורלות, ספרי-רפואות וכד.).

דער עיקרדיקסטער סימן אבער איז אויסגעפיקט געווארן אין פארגלייך און אין אונטערשייד צו דער אפיציעלער קולטור. די אפיציעלע קולטור איז אויפגעבויט אויף א לאגישער און סיסטעמאטיזירנדיקער דענקונגס-ארט, וועלכער שטרעבט באוווסטזיניק ווייטער צו שפינען דעם קולטור-געדאנק און אויסצובויען אים. די פאלקס-קולטור ווידער איז — ווי מען רופט זי — פרעלאגיש. איר יסוד איז דאס אסאציאטיווע דענקען, ווי ביי א קליין קינד, און האלט אן איר קאנסערוואטיווע פארעקשנטקייט בכשך פון דורות, ניט ארויסווייזנדיק קיין שום סמנים פון פארענדערונגען אין געוויסע תקופות פון איר עקזיסטענץ.

דאס אויסקריסטאליזירן פון גרונט-סמנים איז אין א גרויסער מאס באוויזן ווען ביי-הילפיק דער עטנאגראפיע, ביים פארפעסטיקן זיך און קאנסאלידירן אין א באזונדערער וויסנשאפט.

עס דויערט אבער נאך ביזן היינטיקן טאג אן אומקלארקייט בנוגע דעם נאמען, וועלכן זי דארף טראגן.

עטנאגראפיע, עטנאלאגיע, פאלקלאר — זענען דריי נעמען, וועלכע ווערן זייער אפט פארביטן צווישן זיך, וואס פירט צו א פלאנטער. אבער אויב דערין זוכט מען צו געפינען א טאלק, על כל דעות קאן מען מער-ווייניקער אננעמען, אז עטנאגראפיע פארנעמט זיך מיט באשרייבן קולטורן פון באזונדערע גרופן, ווי יידן, פאלאקן; עטנאלאגיע פארשט אין דעם זין מייסטנס חוץ-אייראפעישע שבטים (נעגער, אויסטראליער); פאלקלאר ווידער ווערט היינט צוטאג באטראכט ווי א טייל פון עטנאגראפיע, און דארף זיך פארנעמען בלויז מיט גלויבונגען, זאבאבאנעס, פאלקסטימלעכער וועלט-אנשויונגען, ווי עס דרינגט אגב ארויס פונ'ם ווארט-טייטש גופא. דער ענגלישער טערמין Folk lore (געשאפן צום סאמע ערשט דורך W. J. Thoms אין יאר 1846) איז א קיצור פונ'ם באגריף the lore of the people, אלזא: דאס וויסן פונ'ם פאלק.

אין דייטשלאנד ווערט אבער אלגעמיין באנוצט דער נאמען Volkskunde.



דער פוילישער טערמין לויטעט אין די וויסנשאפט ludoznawstwo. וואלטן מיר אלזא אין יידיש ניט געקאנט אפשר איינפירן דעם נאמען „פאלקסקענטשאפט"?

אבער צוליב טראדיציאנעלע, און דאס רוב פראקטישע טעמים, בלייבן מיר דערווייל ביים באגריף: עטנאגראפיע.

## געביטן פון פארשונג.

אין די איצטיקע פראקטישע אנווייזונגען, סטארען מיר זיך אויסצומיידן יעטוועדע טעארעטישע באטראכטונגען, דעריבער שטעלן מיר זיך ניט אפ אויף דער סיסטעמאטיק פון דער עטנאגראפיע, וועלכע איז אגב ניט איינהייטלעך ביי אלעמען.

בלייבט אונז דעריבער בלויז אויסצורעכענען, לויט מעגלעכקייט, גענויעלך, וואס געהערט צום ענין זאמלען מאטעריאלן, אלע הויפט-און טייל-געביטן פון עטנאגראפיע. דערביי שטעלן מיר זיך ברייטער אפ אויף אזעלכע געביטן, וואס זענען ווייניקער פאפולער, איידער אנדערע, ווי לידער, מעשיות און ענל.

1. אידיאמען. יעדע געגנט האט אירע באזונדערקייטן אין שפראך און ווערטער-אוצר. כאטש טיילווייז דעקט זי זיך אויך מיט דער שפראך פון שכנותדיקע אדער ווייטערע שפראך-געביטן, דאך זענען זיי כאראקטעריסטיש פאר איטלעכן קאנט, דעריבער מוזן זיי ווערן געזאמלט. פאר דער ווייטערדיקער ארבעט פונ'ם זאמלער קען דאס קומען צונויף, ווייל ביים פארשרייבן טעקסטן, ווען אים שוין ניט אויסקומען פרעמד געוויסע ווערטער, וועלכע ווערן אין קעגנפאל פארדרייט און פארגרייזט פארשריבן. ווייטער, ווען דער זאמלער נעמט זיי אויף אין זיין שפראך-געברויך בשעתן קאנטאקט מיט דער פאלקס-מאסע ביים זאמלען, רופט ער דאדורך ארויס מערער צוטרוי צו זיך אלס היימישער מענטש.

2. גרופן-לשונות. יעדער פאך האט זיך זיין באזונדערע טערמינאלאגיע פון ארבעט-מכשירים און ארבעט-פראצעסן. אבער חוץ דעם באנוצט ער זיך מיט ספעציעלע ווערטער, וועלכע מען טרעפט ניט אן ביי אנדערע אדער איינגארטיק באנוצטע ווערטער פון דער אלגעמיינער שפראך.

אבער עס זענען פאראן אויך גרופן, וועלכע שאפן זיך טיילווייז א קינסטלעכע שפראך, כדי ניט פארשטאנען צו ווערן דורך פרעמדע און זייטיקע (סוחרים און הענדלער, בלי-זמרים, גנבים, קינדער, חדר-יינגלעך וכד.). אויך קלאסן האבן שפראכלעכע באזונדערקייטן. אזוי, אבער ווי א

דורכשניטלעך. זאמלער פאַרמאָגן נישט די געהעריקע געניטשאַפט דאָס אויפצוכאַפּן, וועט זיין גוט, ווען ער וועט פאַרשרייבן ביי די פאַך-און קלאַסן גרופּן אויך: א) דעם אופן פון ווענדן זיך צו יענעם (למשל ביי חסידים אויף: דו). ב) באַגריסונגס-און געזעגנונגס-פאָרמולעס, ג) ווינטשעוואַניעס און טרייסט-ווערטער, ד) שילט-ווערטער און קללות, ה) שטום-לשון, ד.ה. מימישע זשעסטן אַנשטאָט ווערטער.

3. אָנאָמאַסטיק (נאָמען-קענטשאַפט).

א) אינטערעסאַנט איז אַ פולע זאַמלונג פון פּערזאָנען-נעמען, וואָס ווערן באַנוצט אין אַ געוויסן מקום, הייל כאָטש – ווי עס דוכט זיך יעדן – איז עס אַן אַלגעמיין יידישע דערשיינונג, דאָך, ווי עס ווייזט זיך אַרויס, ווערן נעמען מערער געגעבן אין דעם ווי אין אַ געוויסן אַנדער קאַנט. עס טרעפן קאַנטן, וווּ עס זיינען פאַראַן נעמען, וועלכע זיינען נישט בנמצא ערגעץ אַנדערשוווּ. דאַן ווערן אויך אין פאַרשידענע ערטער געביטן די גרונט-פאָרמען אויף באַזונדערע אופנים. אַהער געהערן אויך צערטל פאָרמען און פאַרגרעבטקייטן פון נעמען.

ב) פאַמיליען-נעמען זיינען אַ צושטייער צו דער קולטור-געשיכטע, ווירטשאַפטלעכע געשיכטע און מיגראַציע-פאַרהעלטעניש. אַמבעסטן איז אָפּצושרייבן זיי פון די קהל-רשימות, אָבער איינצייטיק אויך פון עלטערע ענ לעכע רשימות אָדער דאָקומענטן.

ג) געאָגראַפישע נעמען אין יידיש ווי: לענדער, שטעט שטעטלעך, בכלל ישובים, פאָרשטעט, קוואַרטאַלן, גאַסן, פּלעצער, מערק הויפן, בכלל געביידעס, טייכן, בערג, וועלדער, פעלדער וכד. דערביי אָנ געבן אויך דעם אָפיציעלן נאָמען און דעם אָרטיקן פאָלקסטימלעכן.

ד) צונעמעניש ווערן אין מאַנכע מקומות מערער באַנוצט אין טאָג-טעגלעכן לעבן, איידער די אייגנטלעכע נעמען. ביים פאַרשרייבן דאַרף ווערן אויך פאַרשריבן דער אייגנטלעכער נאָמען פונ'ם טרעגער פונ'ם צונעמעניש. עס דאַרף באַמערקט ווערן, צי איז דאָס צונעמעניש שייך בלויז צום יחיד צי צו אַ גאַנצער משפחה. אויב מעגלעך דאַרף געגעבן ווערן אַן אויסטייטשונג.

ה) געאָגראַפישע צונעמעניש האָט כמעט יעדער ישוב און דורך זיי כאַראַקטעריזירן זיך די שכנים קעגנזייטיק, מייסטנס פאַרמינערגדיק זייער ווערט. עס דאַרפן נאָטירט ווערן אַזעלכע צונעמענישן, ווי זיי ווערן באַנוצט אין אַ געוויסן מקום וועגן אַרומליגנדיקע ישובים, אַפילו קלענסטע, למשל אין בענדין וועגן אַרום וכד. דאָסזעלבע איז שייך אויך צו שטאָט-טיילן און גאַסן.

4. שפּריכווערטער און ווערטלעך מוזן אומבאַדינגט ווערן



פאַרשר , אין יעדן מקום באַזונדער, נישט געקוקט דערויף, וואָס מיר פאַר- מאָגן שוין עטלעכע זאַמלונגען. נאָר דער פעלער פון די ביזאיצטיקע זאַמ- לונגען באַשטייט דערין, וואָס זיי גיבן נישט אָן אין וועלכע ערטער זיי ווערן באַנוצט. דעריבער איז דער חוב פון זאַמלער כמעט אויף דאָס ביי אָנצוהייבן דידאָזיקע אַרבעט, כדי צו דערמעגלעכן דעם שפּעטערדיקן פאָר- שער צו אָריענטירן זיך אין דער געאָגראַפישער פאַרשפּרייטקייט פון איט- לעכן שפּריכוואָרט, זיינע וואַריאַנטן און אומבייטונגען, ווי אויך אפשר אין זיין וואַנדערונג און אופן פון פאַרשפּרייטן זיך.

שפּריכוואָרט לאָזט זיך דערקענען אַלס אַ געשלאָסענער, פאַר זיך אַליין אויסקומענדיקער זאַץ; בשעת אַנדערע פאָרמען זיינען רעדנסאַרטן, וואָס ווערן איינגעפלאָכטן אין אַ זאַץ בכלל.

צו דערדאָזיקער פאָרם ווערן אויך צוגערעכנט פאָלקס-מעטאַפאָרישע שפּרוכן.

5. רעטעניש טרעפט מען היינט צו טאָג צווישן קינדער, אָבער אַמאָל זיינען דאָס געווען באַליבטע פאַרוויילונגס-מיטלען און פרווו-שטיינער פאַר שאַרפזיניקייט.

6. לידער זיינען צוליב גאַנץ זייטיקע פאַראינטערעסירונגען געזאַמלט געוואָרן אַממייסטן. אויך דאָ דאַרף מען אויפמערקזאַם מאַכן, אַז אַפילו באַ- קאַנטע לידער דאַרף מען אויך פאַרנאָטירן צוליב דידאָזיקע טעמים, וואָס ביי שפּריכווערטער. דערביי פאַרשרייבן אויך לידער, וואָס זיינען נעשאַפן געוואָרן אויף אַקטועלע טעמעס. ווי ווייט מעגלעך דאַרפן פאַרשריבן ווערן איינצייטיק זייערע נגונים.

7. פאָלקס-דערציילונגען ווערן נאָך היינט דערציילט און פאַר- שידנערליי: וונדער-מעשיות, לעגענדעס, מוסר-מעשיות, גוזמאות, אַנעקדאָטן, וויצן, הומאָריסטישע פסוקים, קינדער-מעשיות. מען קען זיי גריילעך געפינען ביי עלטערע לייט. ביי וואַנדערנדיקע הענדלער, ביי אָרעמעלייט וכד. אָבער כדי פון זיי אַרויסצובאַקומען זיי איז נויטיק, אַז דער זאַמלער זאָל זיך אַליין אויסלערנען עטלעכע מעשיות אום צו קענען פאַר זיין אוידיטאָריע זיי דערציילן און אַזוי ערנאָך אַרויסצורופן צו זיך צוטרוי מצד די פאָלקס- דערציילער, וועלכע באַציען זיך אָפט מיט חשד צום זאַמלער, ווי צו איי- נעם, וואָס קומט פון זיי אפשר שפּעטן. חוץ דעם איז אַ דערציילטע מעשה אַ גוט מיטל אַרויסצורופן אַ ווערט-געיעג. מען טאָר אָבער די געהערטע מעשה נישט גלייך אויפן אָרט פאַרשרייבן (אין פאַלן, ווען מ'האָט דעראָבערט דעם צוטרוי – יאָ), נאָר פאַרגעדענקען זי און ביים צווייטן איבערדערציילן ערשט פאַרשרייבן.

אויב מען טרעפט אָן אויף אַ דערציילער אָדער אַ דערציילערין, וואָס

גענוי צו [illegible] ריבן דאָס טיפ, זיין לעבן, זיין רעפּערטואַר און זיין אופן און דערציילן.

(אַגב דיזעלבע באַמערקונגען זענען גילטיק אויך ביים זאַמלען לידער).

8. קינדערשאַפונג נעמט אַרום: ציילעניש, שפּילן, לידער, רעטשיטאַטיון, קייטל-לידער („אַב איז אַ פּאָטער...“), רעטעניש, חדר-לידער, שפּאַס-און שפּאָט-לידער, גראַמען, אימיטאַציעס פון חיות-שטימען.

9. פאָלקס-דראַמעס ביי יידן באַהאַנדלען דאָס רוב ביבלישע טעמעס, אָבער עס טרעפן נישט זעלטן מיט אַ ריין וועלטלעכן אינהאַלט, ווי קראָקע-ווער תתונות, רויבער-שפּילן וכד.

עס איז אַ דרינגנדע נויטווענדיקייט אויפקלייבן זיי צוזאַמען מיט זייער מוזיק. עס וואָלט אויך געווען אינטערעסאַנט צו דערוויסן זיך פון אַלטע פּורים-שפּילערס, און באַשרייבן מיט זייערע אינפאָרמאַציעס דעם פּראָצעס פון צוגרייטן זיך צום שפּיל, אופן פון אויפפירן.

10. גלויבונגען אָדער דאָס וויסן פון פאָלק וועגן וועלט און וועלט-באַשאַף, הימל, שטערן, איבערנאַטירלעכע כוחות (שדים, מיוואַלים, שרעטעלעך), מיט וואָס עס פאַרבינדן זיך ענג.

10. זאַבאַבאָנעס, סימנים („ווען אַ קאַץ לויפט דורכן וועג“), כישוף (זאַמלען ידיעות וועגן כישוף-מאַכערס און כישוף-מעשהלעך), חלומות (קלייבן געדרוקטע יידישע טרוים-ביכלעך).

11. טרעפעניש, וואָס דאַרפן פאַרויסזאָגן די צוקונפט, פאַרבינדן זיך מיטן פאַריקן, טרעפן אויף ביים פאָלק סיי אין מונדלעכער, סיי אין געדרוקטער טראַדיציע. ס'זענען פאַראַן נאָך ביים היינטיקן טאָג מענטשן, וואָס פאַרנעמען זיך מיט טרעפערייַ. אויך זיי באַשרייבן.

12. פאָלקסמעדיצין פאַרנעמט זיך מיט אָפּווענדן פון קראַנקהייטן סיי דורך „באַבסקע רפואות“, סיי דורך סגולות..

13. מנהגים זענען פאַרבונדן מיט גרעבערע קאָמפּלעקסן פון מענטש-לעכע פירונגען אָדער געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען, ווי: געבוירן, חתונה, טוים (וועלכע דאַרפן באַשריבן ווערן אַלס גאַנצקייט), אָדער ימים-טובים, אויך געשלאָסענע חברות אָדער גרופּן.

14. פאָלקס-היגיענע ביז צו וויסן וועגן ציכטיקייט, קאַמף מיט אומגעציפער, שפּייז- און טרינק-דינים, ווי אויך וועגן סעקסועלע באַנריפן און סעקסועלן לעבן פון פאָלק.

15. מאכלים און געבעקסן סיי וואָכעדיקע סיי יום-טובדיקע, זייער אַרט צוגרייטן, זייער פאָרם, ווייזן אַרויס גרויסע פאַרשיידנאַרטיקייט



נאָך צווישן חיים-ליבגדיקע קבצנים, נאָר זייער אַפט בשכנות דערביי דאַרפן גענוי פאַרשריבן ווערן די גלצרליי נעמען.

16. הלבשה איז שוין כמעט אַ פאַרצייטיקע דערשיינונג, נאָר שניטן, מוסטערן און ידיעות פון אַמאָל בלאַנקען זיך אַרום דאָ און דאָרט. אויב ס'איז נישט מעגלעך אַרויסצובאַקומען אַ זאַך, מוז מען זי גענוי אָפּפאָטאָגראַ-פירן; זייער געווונטשן איז צו פאָטאָגראַפירן כאַראַקטעריסטישע טיפּן.

17. מויבלונג און מעבל דאַרף מען גענוי באַשרייבן, מעגלעך פאָטאָגראַפירן.

18. פאָלקס-קונסט פאַרשווינדט ביי אונז אין אַ גיכן טעמפּאָ. דעריבער איז נויטיק נישטערן פלייסיק נאָך פון פאַפּיר געשניצטע אָדער אויסגעניייטע מזרחן, רייזעלעך וכד.

אונדזער רשימה וואָלט גרייליך געקאָנט זיין אַ סך גרעסער, נאָר פילע פרטים האָבן מיר אַרויסגעלאָזן, ווי אויך אַזעלכע פּראָבלעמען, וועלכע פאָדערן אַ מערער געניטע פאַרשונג און זאַמל-אַרבעט. עס האַנדלט זיך בלויז וועגן אָנווייזן יענע הויפּט-געביטן, אויף וועלכע דער זאַמלער דאַרף ווענדן זיין אַכטגעבונג.

## ראַמען פון דער זאַמל-אַרבעט.

די ביזאיצטיקע עטנאָגראַפישע זאַמל-אַרבעט האָט זיך באַגנוגנט אויפ-צוזאַמלען אַלץ, כמעט אָן אַ צוזאַמענהאַנג. אויף אַזאַ אופן איז צוזאַמענגע-שאַפן געוואָרן, כמעט ביי אַלע פעלקער, בתוכם אויך ביי אונז, קאָלאָסאַלע טיילמאָל מאַטעריאַלן. אָבער ביי זייער וויסנשאַפטלעכער באַאַרבעטונג האָבן זיי אַרויסגעוויזן גרויסע לויזן און אומפאַרשטענדלעכקייטן, מחמת זיי זענען גע-וואָרן אַרויסגעריסן אַלס פרטים, פון אַ געוויסער גאַנצקייט, און אַזוי-אַרנאָך פאַרלוירן זייער אייגנטלעכן זין און אייגנאַרטיקע פונקציע.

דאַרף דער זאַמלער געדענקען, בשעת ער פאַרשרייבט עפּעס, צו דערמאָנען גאַנץ גענוי ביי וועלכער געלעגנהייט איז באַנוצט געוואָרן למשל אַ געוויסער זאַבאָבאָן, אין וועלכער צייט, ביי וועלכע שיכטן, ביי וועלכע גרופּעס (יוגנט, עלטערע, מענער, ווייבער, געשלאָסענע גרופּעס, חדר-יינגלעך, ישיבה-בחורים, חברה-קדישא), וועט ער כאָטש ביי אַזעלכע איינצל-פאַרשרייבונגען אויסמיידן דעם אין פריערדיקע צייט גע-מאַכטן פעלער.

בעסער אָבער איז, ווען מען נעמט זיך גלייך אויספאָרשן געוויסע סאָציאַלע גרופּירונגען (ווי אַ שטייגער: סוחרישע וועלט, צווייגן

פון מלאכות, בעטלער, גנבים, חדר-יינגלעך, בכלל סאָציאָלאָגישע איינסן), און אויספאָרשן טאַקע אין אַלע פּרטים, לויט פריער אָנגעגעבענע געביטן, ווייל געוויסע מנהגים, זאַבאַבאָנעס, שפּריכווערטער וכו׳, אַפילו לידער און מעשיות-רעפּערטואַר, זענען כאַראַקטעריסטיש פאַר איין גרופּע אין אונטערשייד צו אַן אַנדערער.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם אופן שטייט אויך דאָס אויספאָרשן פון אַ גאַנצן ישוב (שטאָט, שטעטל) אַלס אַ באַזונדערקייט. כאָטש די ניוועלירנדיקע השפעות פון דער היינטיקער צייט זענען גרויס, דאָך ווייזן אַרויס מאַנכע מקומות ביי אונדז, אויפן שטח פון פוילן, אַזעלכע ספּעציפישע אייגנאַרטיקייטן, אַז עס איז נישט נאָר כדאי, נאָר אַפילו אַ דרינגנדיקער חוב אַזויערנאָך זיי צו פיקסירן.

אַן אויספּרובירט הילפס-מיטל איף צו זאַמלען זענען אַ נ ק ע ט ע ס, אין וועלכע עס ווערט דורך פראַגן גענוי פּרעציזירט דער פּראָבלעם, וואָס דאַרף אויסגעפאָרשט ווערן. אַזעלכע אַנקעטעס ווערן דאָס רוב צוזאַמענגעשטעלט דורך ספּעציאַליסטן, כדי זיי צונאַנדערצושיקן צו אַלע זייערע קאָרעספּאָנדענטן.*) אָבער אויך דער איינצעלנער זאַמלער דאַרף אַליין שאַפן פאַר זיך אַזאַ מין אַנקעטע, ד. ה. פּשוט צוזאַמענשטעלן לויט מעגלעכקייטן און לויט וויסן אַלע יענע פראַגן, וואָס זענען נוגע צום אויספאָרשונגס-פּראָבלעם. מיט אַנדערע ווערטער ער מוז זיך אָנמערקן אַן אַרבעטס-פּלאַן, איידער ער טרעט צו צום זאַמלען, כדי ער זאָל עס נישט טון בלינד און כאַאָטיש.

## צוגרייטונג פונ׳ם זאַמלער.

צו אַזאַ אַרבעט דאַרף זיך אַ זאַמלער, אָדער דעריצעניקער, וואָס האָט ברעה צו ווערן אַ זאַמלער גרונטיק און געוויסנהאַפט צוגרייטן. ער מוז נישט דווקא דורכדעם ווערן גלייך אַליין אַ פאָרשער, נאָר כדי ער זאָל קריגן די געהעריקע געניטקייט אין זיין אַרבעט, מוז ער אַ פערזענלעכע

*) עס וואָלט געווען גוט, ווען די עטנאָגראַפישע זאַמלער-קרייזן ביי דער לאַנדקענטשאַפט-געזעלשאַפט, וואָלטן חוץ זייער נאָרמאַלער אַרבעט, אויסגעבילדעט זיך אויך אַלס קאָרעספּאָנדענטן-נעצן, וועלכע מען וואָלט געקאָנט צושיקן אַזעלכע אַנקעטעס. דורכדעם וואָלטן זיי אין אַ גרויסער מאָס צוגעהאָלפן אונזערע עטנאָגראַפישע וויסנשאַפטלער ביי זייער פאָרשונגס-אַרבעט.



פאַ.סטרעסירונג צו עטנאָגראַפיע פאַרבינדן מיט אַ וויסן וועגן איר און אירע מעטאָדעס, און דאָס טאַקע אין אַ געוויסער גענוגנדער מאָס.

זאַמל-אַרבעט ווערט ביי אַ לענגערער איינאיבונג אַ מין גייסטיקער ספּאָרט, וועלכער פאַרשאַפט דעם זאַמלער זייער אָפט ספּעציפישע פאַרגעניגנס. אָבער ספּאָרט אָן כללים און צוגרייטונג איז אַנטי-היגיעניש און אומפּראָדוקטיוו.

איידער מען נעמט זיך אויספאָרשן דאָס פאָלק, דאַרף מען אויסבילדן אין זיך דעם חוש פאַר דעם געביט פון פאָלקסטימלעכקייט און זיינע דערשיינונגען, כדי דערנאָך נישט ווערן געשטרויכלט און דורכלאָזן באַגריפן, פירונגען און קעגנשטאַנדן, וואָס זעען זיך אויס אויפן אויג נישט וויכטיק אָדער מינדערווערטיק. אַלץ מוז גענוי באַטראַכט ווערן אין זיין גאַנצן קאָמפּלעקס, נישט אָבער אין אָפּגעריסנקייט און אָפּגעזונדערטקייט.

דעריבער וואָלט גוט געווען פריער, פאַר יעדער אַרבעט, און דאָן אויך, ווען מען פירט שוין זאַמל-אַרבעט, איינפירן אין די קרייזן אַ שטודיום אויף אַזאַ אופן:

יעדער איינער פון די מיטגלידער נעמט למשל אַ בוך זכרונות (קאָטיק, מענדעלעס „שלמה ר׳ חיימס", קאָפּעלאָוו, וכד.), אָבער אַ ליטעראַריש ווערק, וווּ עס איז אָפּגעשפּיגלט דאָס פאָלקסטימלעכע לעבן (גוט פאַר דעם צוועק זענען ווערק פון דער עלטערער יידישער ליטעראַטור, ווי כמעט גאַנץ מענדעלע, גאָלדפאַדן, א. מ. דיק, בכלל ראָמאַנען, פּאָעמעס און דראַמען, וועלכע זענען אויפגעבויט אויפן פאָלק-סיוזשעט, און אַזעלכע עטנאָגראַפישע מאַטעריאַלן געפינען מיר אויך היינט, ווי למשל זינגערס „יאָשע קאַלב"), און באַאַרבעט עס פון עטנאָגראַפישן שטאַנדפּונקט. מען זוכט אַלץ אויס, וואָס האָט נאָר אַ שייכות מיט די געביטן פון עטנאָגראַפיע, שרייבט אויס, סעגרעגירט זיי און ברענגט אין אַ סדר אונטער באַזונדערע רובריקעס. אַזויערנאָך ווערט אַרויסגעבראַכט דער עטנאָגראַפישער יסוד אָדער קאָלאָריט פונ׳ם ווערק, מחבר אָדער תקופה.

דאָן ערשט קאָן מען באַטראַכטן, צי די דאָזיקע מאַטעריאַלן באַאַרבעטן אַלס רעפּעראַט וועגן אַ תקופה, שיכט, אָדער מקום פון וועלכן דער מחבר שטאַמט אָדער וועלכע ער באַשרייבט.

צו אָפטע און געוויסנהאַפטע שטודיע ברענגט גרויסע נוצן: עס בילדעט זיך אויס אַן עטנאָגראַפישע אינטויציע — אַזוי צו זאָגן — מען פאַרטיפט זיך אין עטנאָגראַפישע פּראָבלעמען, מען געווינט מאַטעריאַלן און אַ באַזע פאַר ווייטערדיקער פאָרשונג פון לעבעדיקן פאָלק. ביי אַלע אָנטיילנעמער פונ׳ם קרייז וועקט זי אַ דיסקוסיע, אין וועלכער עס ווערן אַרויסגערוקט אַנאַלאָגיעס צום געבראַכטן מאַטעריאַל.

... ווייזונגען דאַרפן אויך באַרבעט ווערן אַנקעטעס. ...
עמטע. ...עמט זיך אויספאָרשן אַ פּראָבלעם, מוז ער זיך פריער אין בעוויסער מאָס באַקענען מיט איר, כדי צו וויסן, וואָס ער וויל און דאַרף זוכן. ער פּרעציזירט זיך פראַגן, וואָס דינען אים אַלס וועגווייזער אין פּראָבלעם און די אַנקעטע דאַרף מען אויך רעפערירן פאַר די קרייז מיטגלידער, און די שפּעטערדיקע דיסקוסיע, וועט זיכער ברענגען אַ נוץ. דער אַנקעטע פונ'ם הויפּט-רעפערענט. פראַגן טאָרן נישט זיין אַזעלכע, וואָס לייגן דעם פינגער אין מויל אַריין און האָבן אין זיך שוין דעם ענטפער. זיי טאָרן אָבער אויך נישט זיין אומקלאָרע און אומפאַרשטענדלעכע.

מאַטעריאַלן, וואָס זענען צוזאַמענגעקליבן געוואָרן, דאַרפן ווערן רעפערירט און דיסקוטירט אויף די צוזאַמענקומעניש.

די אָרגאַניזאַטאָרישע זייט פונ'ם קרייז ווי אויך די פאַנאַנדערטיילונג פון דער אַרבעט און אָפּהיטן איר אויספירן דאַרף ליגן אין די הענט פון אַ ענערגישן און פאַראַנטוואָרטלעכן ליטער.

## אופן פון זאַמלען.

זאַמלען דאַרף מען אי פּלאַנמעסיק אי צופעליק, ביי יעדער גינסטיקער געלעגנהייט, ווען מען קען אויפכאַפּן מאַטעריאַל. דעריבער מוז דער זאַמלער שטענדיק טראָגן מיט זיך זיין נאָטיץ-בוך.

זאַמלען אין גאַנצע גרופּן איז נישט צוועקמעסיק, ווייל עס רופט אַרויס חשדים. בעסער שוין איינצלווייז, ווייל דער יחיד קאָן גיכער שאַפן צווישן זיך און דעם פאָרשונגס-אָביעקט דעם נעהעריקן, לעבעדיקן קאָנטאַקט און דער שמועס קומט אויס נאַטירלעכער. בכלל דאַרף דער אָביעקט נישט פילן, אַז מען בייט אים דאָ אויסשפּיאָנירן, ווייל אין אַזאַ פאַל באַפאַלט דעם פאָלקסמענטש אַ שעמעוודיקייט לגבי דעם זאַמלער, וועלכן ער באַטראַכט זייער אָפט פאַר אַן אינטעליגענט, וואָס קומט בלויז אָפּשפּעטן.

דער זאַמלער טאָר נישט אויסקומען ווי אַ בלוטפרעמדער. ער מוז זיך פריער באַקענען מיטן געביט, ווי ער וויל אַרבעטן, צוגרייטן זיך נאָטיצן וועגן די וויכטיקסטע מעשיות און מנהגים פונ'ם ישוב אָדער געגנט, וויסן וועגן די פאַרהעלטענישן פון יענע מענטשן, וועלכע ער וויל אויספרעגן, מיט איין וואָרט, ער דאַרף זיין איינגעפירט אין דער זאַך.

... עס מוזן אויסגעמיטן ווערן דאָס שטעלן פראַגן דירעקט, ווייל דאָס ברענגט זייער אָפט צו היפּוכדיקע רעזולטאַטן. צו דער עיקר-זאַך דאַרף מען דערגרייכן דורך אומוועגן. בשעת מען וויל פאָלקס-מעדיצינישע מיטלען



...פאָרשן, דאַרף מען אָנהייבן אַ געמיטלעך געשפּרעך וועגן קראַנקהייטן, דאָקטוירים און דורך אַזאַ שמועס אָנקומען צום געוואונטשענעם.

דער זאַמלער טאָר קיינמאָל נישט פאַרלירן זיין געדולד, ער מוז לאָזן זיך אויסרעדן. שפּעטער אָבער ווען ער שליסט שוין נענטערע באַקאַנטשאַפט מיט זיינע אינפאָרמאַטאָרן ווען זיי דערווייסן זיך, וועגן וואָס דעם זאַמלער האַנדלט זיך דאָ, ווען ער שאַצט אָפּ זיין נייגער און קריגט צו אים צוטרוי, ערשט דאַן קאָן מען שטעלן דירעקטע פראַגן.

דער אינפאָרמאַטאָר טאָר נישט פילן, אַז ער געפינט זיך אונטער אַן אָבסערוואַציע, ער מוז האָבן דאָס געפיל פון פאָלקאָמער פרייהייט. ער מוז זיך פאָלקאָם פריי אַרויסזאָגן וועגן אַלץ, וואָס ער האָט אין זינען, מיט זיין נאַטירלעכער שפּראַך, אפילו מיט אַלע גראָבקייטן און נאַסטיקע ווערטער.

דער דייטשער באַרימטער זאַמלער וואַסידלאָ, וועלכער האָט במשך פון עטלעכע צענדליגע יאָר, בלויז אין איין פּראָווינץ, מעקלענבורג, געזאַמלט קרוב איין מיליאָן פּאָזיציעס און רעכנט זיך פאַר דעם גרעסטן זאַמלער, גיט פאָלגנדיקע עצה:

„ווען איך באַמערק, אַז מיין מענטש האָט נישט קיין שום אינערלעכע שייכות (און דאָס דערקענט מען גלייך נאָך עטלעכע פראַגן) צו פאָלקס-דיכטונג, מעשה און פאָלקס-גלויבן, און אַז ער פאַרמאָגט נישט אַ געניגנדע בייסטיקע באַוועגלעכקייט אויסצוברענגען דיאַלעקטישע אוצרות, לאָז איך זיך פון אים באַשרייבן אַלע צושטאַנדן פון זיין יוגנט-צייט, די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעט, דינסט-פאַרהעלטענישן, דאָס לעבן פון פּאַסטעכער, מאכלים, הלבשה וכד. אַזעלכעס קאָן יעדער באַווייזן — און שוין דער שפּראַכלעכער צושטייער גופא איז אָפט גרויס. דערביי איז גרעניצלאָז דאָס זוכן און יגע-ינען; תמיד שווימען אַרויס ווידער נייע, ביז איצט נישט באַמערקטע דערשיינונגען".

אַלזאָ די הויפּט-לאָזונג פאַר אַ זאַמלער דאַרף זיין, פירן אַ פריינטלעכן, נישט געצוווּנגענעם שמועס, ביי וועלכן אָבער ער דאַרף נישט פאַרגעסן זיין הויפּט-ציל און פּלאַן, חוץ אין יענע פאַלן, ווי דער אָקאָרשט באַשריבענער, וועלכער ברענגט זיכער אויך נוצן און זאַמלערישן פּראָפיט.

## אופן פון פאַרשרייבן.

קודם-כל מוז באַמערקט ווערן, אַז חוץ באַשרייבונגען, אָדער כאַראַקטעריסטיקעס, וואָס שטאַמען פון זאַמלער גופא און זענען אַ פּראָדוקט פון

זיין אָבסער ע. מוזן אַלע פאָלקס־טעקסטן, ווי לידער, מעשיות, שפּריכווערטער, ווערטלעך, שפּראַך־אופנים, רייד־ווענדונגען, דיאַלעקטאָלאָגישע ווערטער, בכלל אַלץ, וואָס שטאַמט דירעקט פון פאָלקס־מויל, פאַרשריבן ווערן פאָנעטיש, ד. ה. אַזוי ווי זיי ווערן דורכן פאָלק אין די געפאָרשטע מקומות אַרויסגערעדט. די אָנגענומענע, ליטעראַרישע אָרטאָגראַפיע פּאַסט נישט צום דאָזיקן צוועק. דעריבער ווערט באַנוצט בלויז אין דער ווי־סנשאַפטלעכער אַרבעט אַן אופן פון פאָנעטישער שרייבונג, וואָס דאַרף איבערגעבן ריכטיק דעם קלאַנג, די אויסשפּראַך און די לענג פון וואָקאַלן (אַליי־ן הילכצרס).

די זאַמלער דאַרפן דעריבער פאַרשרייבן לויט דער אָנגעגעבענער פאָנעטישער טראַנסקריפּציע, וועלכע איז אויסגעאַרבעט געוואָרן פון דער עטנאָגר. קאָמיסיע פון ייוואָ פאַר די זאַמלער.

1. אַ = a — מאַמע
2. אָ = o — אָבער, („האָבן"—ליטע)
3. אַי = aj — שטאַין („שטיין" — קרוינפּוילן, גאַליציע)
4. אָי = oj — לאָיפן („לויפן" — קרוינפּוילן, גאַליציע)
5. ו = u — הובן, קלוגן („האָבן", „קלאָגן" — קרוינפּ. גאַל.)
6. אָו = ou — פראָו, האָוז („פרוי" הויז" — „ „ )
7. ִי = i — ביִך, מיִמע („בוך", „מומע" — „ „ )
8. ִ = y — ניס, מיטער („נוס" „מוטער" — „ „ )
9. י = j — ייִד ייִנגל, יאַך (איך „ „ )
10. עי = ej — לעיגן, לעיפן (לייגן, קויפן — ליטע)
11. ł = ł — וואָלף
12. V = w — אויף אונטערצושיידן פון וו = uu
13. שטומער א אין וואָרט־אָנהייב ווערט נישט געשריבן = ונהאָייב („אָנהייב")
14. די לענג ווערט באַצייכנט דורך אַ פּאַסיקל איבערן וואָקאַל שראַיען („שרייען), Vוּעס („וואָס")
15. אומבאַדינגט שטעלן די נקודה אונטערן א (אַ אָ)
16. אומבאַדינגט באַצייכענען פּ = p, פ = f
17. העברעיזמען שרייבן פאָנעטיש: מירצעשעם
18. ווייכע קלאַנגען באַצייכענען ווי אין פּויליש ś ć מיט אַ קאָמאַ שVיגער („שוויגער")



1. בײַ ווערטער, וואָס ווײַכן אָפּ פון ליטעראַרישער פאָרם, צושטעלן דעם אַקצענט דורך אַ פּינטל נאָכן באַטאָנטן טראָף. צ. ב.: פאַילעווקע (פּיאָסק), Vאָיזשעוואָדע (לוויוויטש).

דער זאַמלער דאַרף זיך גוט אויסלערנען די טראַנסקריפּציע, מאַכן פריער איבונגען און אויפשרייבן געהערטע רייד פון זיין אָרום אָדער ספּעציעל דיקטירט דורכן צווייטן און איינגעווינען זיין געהער צום אויפכאַפּן פאָנעטישע אייגנטימלעכקייטן.

דער אויפגעזאַמלטער מאַטעריאַל דאַרף אויף ריין איבערגעשריבן ווערן אויף באַזונדערע קאַרטלעך, בלויז אויף איין זייט. פון אויבן אָנגעבן דעם מקום, ווו אויפגעזאַמלט, אונטן דעם נאָמען און פאַמיליע פון זאַמלער, דאַטע פון פאַרשרייבן, דעם נאָמען און פאַמיליע פון אינפאָרמאַטאָר, זיין באַרוף און עלטער. אין פאַל ווען דער אינפאָרמאַטאָר שטאַמט פון אַן אַנדערער געגנט, ווי זיין איצטיקער וווינאָרט, אויך אָנגעבן דעם פריערדיקן וווינאָרט. אומבאַדינגט באַמערקן צי אַ געוויסע דערשיינונג אָדער פירונג לעבט נאָך היינט ביים פאָלק, צי דאָס פאַרשרייבן שטאַמט פון אַמאָליקע צייטן און ווען האָט זי נאָך געלעבט.

## הילף־ליטעראַטור.

כדי צו פאַרברייטערן און פאַרטיפן זיינע יסודות, דאַרף דער זאַמלער באַקענען זיך כאָטש מיט עטלעכע גרונטיקע האַנט־ביכער.

1) נ. וויינריך — ה. כאַיעם: וואָס איז אַזוינס יידישע עטנאָגראַפיע? אַרויסגעגעבן פונם ייוואָ. ווילנע 1929.

דאָסדאָזיקע ביכעלע דאַרף זיך געפינען ביי יעדן זאַמלער, ווייל ס'איז אַ דערגענצונג צו די אויבן אָנגעגעבענע אָנווייזונגען. טייל פראַגן זענען דאָרט ברייטער אַרומגערעדט. דער זאַמלער וועט דאָרט געפינען ביבליאָגראַפיע פאַר יעדן געביט.

2) Jan St. Bystroń: Wstęp do ludoznawstwa polskiego. Lwów 1926

גענויער קורס פון עיקרדיקע עטנאָגראַפישע פּראָבלעמען. ווייטער צוטריטלעך געשריבן.

3) ש. אנ—סקי: פאָלקלאָר און עטנאָגראַפיע (געזאַמלטע שריפטן. באַנד XV.) וואַרשע 1927.

אַ זאַמלונג אַרטיקלען, וואָס פירן אַריין אינעם גייסט פון יידישער עטנאָגראַפיע.